**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער צו איינקויפן ביי לאקאלע געשעפטן אויף "קליינע ביזנעס שבת"

***נאוועמבער 25 ציילכנט אפ 'קליינע ביזנעס שבת' אריבער ניו יארק סטעיט***

***שטיצן לאקאלע ביזנעסער העלפט שאפן דזשאבס און שטופן ראיאנישע עקאנאמישע וואוקס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמוטיגט ניו יארקער צו שטיצן לאקאלע און ראיאנישע קליינע ביזנעסער דורכאויס דעם האלידעי סעזאן — באזונדערס דעם שבת, נאוועמבער 25, לכבוד "קליינע ביזנעס שבת", א טאג וואס פייערט די איבערגעגעבנקייט און גייסט פון די סטעיט'ס קליינע ביזנעס אייגנטימער. קליינע ביזנעסער זענען 98 פראצענט פון אלע ניו יארק סטעיט ביזנעסער, און זיי שטיצן 40 פראצענט פון די פריוואטע סעקטאר ארבעטסקראפט. דורכן איינקויפן ביי לאקאלע געשעפן, אינוועסטירן ניו יארקער זייערע פארדינסטן און שטייער דאלארן צוריק אריין אין זייערע קאמיוניטיס, זיי שטיצן דזשאבס און פארשטערקערן ווייטער ראיאנישע עקאנאמישע וואוקס.

"אלס די טאכטער פון א קליינע ביזנעס אייגנטומער, ווייס איך אז עס פארלאנגט זיך שווערע ארבעט און עקשנות צו עפענען און מאכן וואקסן א ביזנעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "זינט די אנהויב פון מיין אדמיניסטראציע, האבן מיר געמאכט היסטארישע אינוועסטירונגען אין ניו יארק'ס קליינע ביזנעסער וואס ברענגען דזשאבס, פארשטערקערן לאקאלע עקאנאמיעס און האבן א ריזיגע איינפלוס אויף קאמיוניטיס אריבער די סטעיט. דעם קליינע ביזנעס שבת און יעדן טאג, מוטיג איך ניו יארקער צו איינקויפן ביי לאקאלע געשעפטן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "קליינע ביזנעסער זענען קריטיש צו אונזערע לאקאלע עקאנאמיעס — זיי זענען אין די אייגנטום פון אונזערע שכנים און פריינט און זיי אינוועסטירן צוריק אריין אין אונזערע קאמיוניטיס. אזוי ווי מיר קוקן ארויס צו קליינע ביזנעס שבת, געדענקט ביטע צו שטיצן אייערע ביזנעסער אין לאקאלע אייגנטום דעם סוף וואך און דורכאויס די גאנצע האלידעי סעזאן."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר קאמישאנער, ראבערטאָ ריערדאן, האט געזאגט,** "קליינע ביזנעסער זענען די הארץ קלאפ פון אונזערע פארשידנארטיגע און שטאנדהאפטיגע עקאנאמיע. דעם האלידעי סעזאן און דורכאויס גאנץ 2024, קויפט איין ביי לאקאלע געשעפטן און קויפט איין אפט צו שטיצן אייערע שכנים און לאקאלע עקאנאמיעס אריבער די סטעיט."

**דעפּארטמענט פון שטייערן און פינאנץ צייטווייליגע קאמישאנער, אמענדע הילער, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט פארלאזט זיך אויף- שטיצט און פייערט איר קליינע ביזנעס סעקטאר. מיר אפפערן א ברייטע רייע פון טעקס קרעדיטס און אנרייץ מיטלען צו העלפן עפענען און אויסברייטערן קליינע

ביזנעסער, און מיר זענען דאנקבאר פאר די ביישטייערונגען פון קליינע ביזנעס אייגנטימער — נישט נאר דעם סוף וואך נאר דורכאויס דעם גאנצן יאר."

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור דעפארטמענט קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט,** "קליינע ביזנעס שבת איז א גוטע געלעגנהייט צו צוריקגעבן פאר אונזער געגנט'ס ביזנעסער וועמען'ס אייגנטימער ארבעטן אזוי שווער צו ברענגען פאר זייערע קאמיוניטיס ספעציעלע פראדוקטן נישט נאר פאר די האלידעיס נאר א גאנץ יאר. ביי די דעפארטמענט ארבעטן מיר שווער צו שטיצן אונזערע פארמס און קליינע עסנווארג און געטראנקען ביזנעסער, אריינרעכענענדיג דורך אונזערע 'ניו יארק סטעיט-געוואקסן און סערטיפייד' (NYS Grown & Certified) און Taste NY פראגראמען וואס העלפן אונז זיי באקענען מיט די נייע קליענטן און דערציילן זייער געשיכטע. עס זענען דא אזויפיל גוואלדיגע ניו יארקער וואס מאכן אייגנארטיגע פראדוקטן פון א הויכע קוואליטעט, פון געשאנקען ביז גוואלדיגע עסנווארג און געטראנקען, און איך מוטיג יעדן איינעם צו 'טראכטן לאקאל' ביים איינקויפן פאר די האלידעיס. שטעלט זיך אפ ביי די נאענטסטע Taste NY געשעפט, קויפט איין אויף די אינטערנעט ביי ShopTasteNY.gov אדער באזוכט אייער באליבטע לאקאלע פארם, עסנווארג פלאץ אדער היימישע געטראנקען פראדוצירער אין שטיצע פון ניו יארקע אגריקולטור."

אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, זעצט ניו יארק פאר צו מוטיגן די סטעיט'ס קליינע ביזנעסער צו וואקסן, בליהען און מאקסימיזירן געלעגנהייטן פאר הצלחה דורך פארשידענע אינציאטיוון און אגענטור פראגראמען. זינט זי איז אריין אין אפיס, האט די גאווערנער אוועקגעשטעלט און באריכערט א פרעצעדענטלאזע צאל פון 26 פראגראמען אויסשליסליך פאר קליינע ביזנעסער, און זי האט צוגעזאגט כמעט 1 ביליאן דאלאר צו שטיצן קליינע ביזנעסער דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט ( Empire State Development, ESD).

ניו יארק איז איינס פון די סטעיטס אין דאס לאנד מיט די שטערקסטע ביזנעס עפענונג גייסט, און זי האלט אויס א נעטווארק פון נייע ביזנעס אנטוויקלונג הילף צענטערן ( Entrepreneurship Assistance Centers, EAC) אריבער די סטעיט. די צענטערן פירן דורך קלאסן, טרענירונג, טעכנישע הילף און שטיצנדע סערוויסעס פאר ניו יארקער וועלכע זענען אינטערעסירט צו עפענען אדער וועלכע האבן לעצטנס געעפנט זייערע אייגענע ביזנעסער אדער ביזנעסלייט וועלכע זוכן צו אויסברייטערן אדער פארשטערקערן זייערע ביזנעסער וואס זענען נאך אין פריע שטאפלען.

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט זעהט איבער מער פון 500 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג גרענטס פארטיילט דורך די סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט אינציאטיוו ( State Small Business Credit Initiative, SSBCI), אויסגעשטעלט צו העלפן קליינע ביזנעסער און אזעלכע וועלכע זענען היסטאריש שוואכער צו מצליח זיין. די ESD'ס דיוויזיע פון קליינע ביזנעס שטיצט ביזנעסער מיט וויניגער פון 100 ארבייטער דורך א רייע פראגראמען און אינציאטיוון וואס מוטיגן זייער וואוקס. די דיוויזיע'ס וועבזייטל שטעלט צו מיטלען וואס העלפן ערקלערן פאר קליינע ביזנעס אייגנטימער די פראגראמען וואס זענען דא צו באקומען, אריינרעכענענדיג די סטעיט'ס ביזנעס עקספרעס וועבזייטל וואס ערקלערט פארשידענע ביזנעס פאדערונגען.

די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט שטעלט צו מערערע אומזיסטע סערוויסעס פאר ביזנעסער פון אלע מאסן, אריינרעכענענדיג טויזנטע דזשאב מעלדונגען אויף די NYSDOL וועבזייטל, צוטריט צו צענדליגע טויזנטע קוואליפיצירטע קאנדידאטן אין איר גרופע פון טאלאנטפולע מענטשן, קאריערע ירידים און ספעציעל צוגעפאסטע רעקרוטירונג שטיצע און היומען ריסארסעס ייעוץ סערוויסעס. מער פון 24,000 ביזנעסער ארבעטן יעדעס יאר מיט די NYSDOL צו ארויפלייגן זייערע דזשאבס, טרעפן די ריכטיגע קאנדידאטן, באקומען באלוינונגען פארן אויפנעמען און טרענירן ארבייטער, באקומען ביזנעס טעקס קרעדיטס און אנרייץ מיטלען, באקומען הילף סערוויסעס לעיבאר געזעצן און זיכערהייט און געזונטהייט

פאדערונגען און טרעפן מיטלען זיך צו פארמיידן פון דארפן אהיימשיקן ארבייטער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט: https://www.labor.ny.gov/business.

די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס שטיצט ניו יארק'ס אגריקולטורישע אינדוסטריע, וואס איז א היים צו כמעט 33,500 פארמס, 700 פארמערס מארקעטס און פארם סטענדס און טויזנטע קליינע אגריקולטורישע ביזנעסער. די דעפּארטמענט שטיצט פארמס און עסנווארג און געטראנקען ביזנעסער דורכן צושטעלן עטליכע קריטישע סערוויסעס וועלכע באריכערן זייער ביזנעס און פארמערן פראדוקטיוויקייט, פארדינסטן און קאנקורענץ. עס שטעלט אויך צו געלעגנהייטן צו באקומען אדווערטייזינג דורך דעם 'ניו יארק סטעיט-געוואקסן און סערטיפייד' פראגראם וואס אדווערטייזט לאקאלע פארמער און פראדוצירער וועלכע באטייליגן זיך אין זיכערע עסנווארג באהאנדלונג און ענווייראמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט פראגראמען, זיי העלפנדיג זיך בעסער פארמעסטן אויף די מארקעט.

אין צוגאב, ווייזט דער Taste NY פראגראם ארויס ניו יארקע פארמער און עסנווארג און געטראנקען ביזנעסער ביי גרויסע עפנטליכע געשעענישן און ביי מער פון 70 Taste NY לאקאציעס אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג די סטעיט'ס וועלקאָם סענטער, וואו ניו יארקער קענען טרעפן א געשאנק פאר יעדן אויף זייער האלידעי שאפּינג ליסטע. די Taste NY מארקעטס ביי ניו יארק'ס ראיאנישע וועלקאָם סענטערס און די Taste NY געשעפטן ארום די סטעיט אפפערן ספעציעלע פראדוקטן און אזוי אויך געשאנקען בעסקעטס – געמאכט פון פאראויס אדער צוגעגרייט אויפן פלאץ – לאקאלע עסנווארג, האנט-געמאכטע פראדוקטן און אנדערע אייגנארטיגע פראדוקטן. Taste NY מארקעטס זענען אויך א געוואלדיגע פלאץ צו איינקויפן א ברייטע רייע פון עסנווארג און געטראנקען, פון גרייטע פליישן און קעזן ביז וויין און סיידער, וואס קענען גענוצט ווערן צו מאכן פרישע, געשמאקע האלידעי מאלצייטן. פאר א פולע ליסטע פון Taste NY לאקאציעס, אפענע שעות און קאנטאקט אינפארמאציע, באזוכט די Taste NY וועבזייטל.

די אנליין מארקעטפלאץ, ShopTasteNY, אפפערט געלעגנהייטן צו איינקויפן ניו יארקע אגריקולטורישע פראדוקטן און געשאנקען פונדערהיים. ShopTasteNY.com האט האלידיע געשאנקען סעטס צו פארקויפן, און אזוי אויך א געוועגטליכע איסוואהל פון פראדוקטן וואס הייבן ארויס די קוואליטעט און פארשידנארטיגקייט פון די סטעיט. באשטעלונגען קענען אפגעשיקט ווערן סיי וואו אין די פאראייניגטע שטאטן און קאנאדע. צו בעסער זיכער מאכן אז באשטעלטע געשאנקען קומען אן פאר דעצעמבער 24, איז דאס רעקאמענדירט צו מאכן די באשטעלונגען ביז מאנטאג, דעצעמבער 18. היי יאר וועט ShopTasteNY.com, Taste NY'ס אנליין מארקעטפלאץ, אפפערן עטליכע האלידעי סוף וואך דיעלס, אריינרעכענענדיג א 50 פראצענטיגע הנחה אויף די גאנצע וועבזייטל אויף 'בלעק פריידעי', אומזיסטע דעליווערי און אן אומזיסטע געשאנק אום קליינע ביזנעס שבת און זונטאג, און א 30 פראצענטיגע הנחה אויף געשאנק קעסטלעך און אומזיסטע דעליווערי אויף 'סייבער מאָנדעי'.

**וויאזוי צו שטיצן קליינע ביזנעסער יעדן טאג**

- **קויפט איין לאקאל -** שטרענגט זיך אן צו איינקויפן ביי קליינע, לאקאלע געשעפטן אין אייער קאמיוניטי. דורכן איינקויפן קליין, שטיצט איר אייער לאקאלע עקאנאמיע אזוי ווי קליינע ביזנעס אייגנטימער קויפן געוועגטליך איין סופלייס און פראדוקטן אין דעם דערנעבנדן ראיאן.
- **קויפט גיפט קארטלעך -** רוב קליינע ביזנעסער, פון אייער באליבטע רעסטוראנט, באַר אדער קאווע הויז, ספעציעלע ריטעיל געשעפטן אין אייער געגנט אדער אייער לאקאלע האר סאלאן, אפפערן גיפט קארטלעך אדער גיפט סערטיפיקאטס. דורכן קויפן גיפט קארטלעך, וועט דאס אריינגיסן די נויטיגע אינוועסטירונג אריין אין די ביזנעסער ווייט נאך דעם האלידעי סעזאן.

- **לאזט זיך ארויס צו אייער לאקאלע פארמערס מארקעט** - פילע דרויסנדיגע פארמערס מארקעטס ציהען זיך מעגליך אריין אינעווייניג אין דעם צייט פון דעם יאר, אבער עס זענען נאכאלץ דא אייגנארטיגע פלעצער וואס בלייבן אינדרויסן. פון האנט-געמאכטע פראדוקטן ביז סעזאן-ספעציפישע גרינס — איז אייער פארמערס מארקעט א געוואלדיגע פלאץ צו שטיצן לאקאלע קליינע ביזנעסער.
- **באזוכט אדער באשטעלט טעיק-אַוט אדער דעליווערי פון אייער לאקאלע באַר אדער רעסטוראנט** - פארגעסט נישט צו איבערלאזן א שיינע טיפ. רעסטוראנט ארבייטער זענען געווען צווישן די שווערסט-באטראפענע דורך די פאנדעמיע. פילע רעסטוראנטן אפפערן נאכאלץ צו דעליווערן צו די קאר (קוירבסייד).
- **לאזט איבער פאזיטיווע קאמענטארן** - אויב איר האט געטראפן א גוטע פראדוקט, מאלצייט אדער סערוויס, אדער אפילו א גוטע דיעל אדער סעיל, לאזט וויסן פאר אייערע פריינט און פאמיליע. פארגעסט נישט צו לאזן א גוטן רעצענזיע אויף אייער סאָושעל מידיע פיעד. די בעסטע אדווערטייזינג איז פון מויל צו אויער.
- **אויב איר דארפט עפעס צוריקגעבן, נעמט אן קרעדיט ביי די געשעפט אנשטאט די געלט** - אויב איר קענט. דאס האלט די געלט אינערהאלב די קליינע ביזנעס, און יעדע ביסל מאכט אויס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418